בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת כי תבא

## דאנקבארקייט יעדע מינוט פון טאג

### נאכגיין דעם אקס

**אין** די וואכענדיגע פרשה, ווערט פארגעשטעלט די מצוה פון ביכורים, די ערשט געצייטיגטע פרוכט פון פעלד, איז א מצוה צו ברענגען צו ירושלים, און דאס איבערגעבן פאר די כהנים אין בית המקדש. די בעל הבית פונעם פעלד ווערט באפוילן ארויפצוקומען קיין ירושלים און ברענגען אן אנגעפילטער קארב מיט פרוכט צו גאט, און ארויסזאגן די ווערטער פון לויב און דאנקבארקייט.

עס איז אדורך אסאך חדשים פון לאנגע שעות, מיט שווערע און אויסמאטערנדע ארבעט אין פעלד, אראפצוקלויבן די אלע סארטן פרוכט און תבואה. יעצט, ווען די צייט פון שניט, איז דאס ענדליך געקומען צו אן ענדע, און די הויז איז אנגעפילט מיט אלע גוטע זאכן, די לאנגע יאר פון שווערע ארבעט האט זיך אויסגעצאלט מיט גענוג עסן פאר די גאנצע פאמיליע, צו לעבן פרייליך און צופרידן פאר נאך א יאר.

אבער פאר די פארמער און זיין פאמיליע האבן די געלעגנהייט זיך צו אראפזעצן און הנאה האבן פון די פרוכט פון זייער ארבעט, דארפן זיי אפשטעלן זייער טאג טעגליכן לעבנסשטייגער, און זיין א טייל פון די געשעהעניש פון ארויפברענגען בכורים צו די בית המקדש.

אלע בעלי בתים פון די פעלדער, פון אלע שטעטלעך און דערפלעך פונעם גאנצן געגענט ארום, קומען זיך צוזאם צו די נענסטע שטאט, און זיי הייבן אן זייער פרייליכע מארש קיין ירושלים. זיי טראגן גאלדענע, זילבערנע און געפלאכטענע קארבן אנגעפילט מיט די ביכורים, און די קארבן זענען הערליך אויסגעצירט און ארומגענומען מיט אנדערע פרוכט. א אקס איז ספעציעל באצירט געווארן פאר די געשעהעניש, זיינע הערנער זענען איבערגעדעקט געווארן מיט גאלד, און ער וועט פירן די מארש. ווען די סיגנאל וועט קומען, וועט זיך די גרויסע גרופע פון מענער, ווייבער און קינדער זיך ארויסלאזן מיט גרויס פאראדע צום 'עיר הקודש'.

## היימלאז פאר אפאר וואכן

**דאס** איז געווען א אויסערגעוועליכע איבערלעבעניש מיטצוהאלטן, פרייליכע מוזיק האט געשפילט, מען האט געטאנצן און געזינגען ווערטער פון לויב און דאנק צום אייבערשטן, און צוביסלעך האבן זיך מער און מער מענטשן צוגעשטעלט צו די גרופע, פון די אלע שטעטלעך און דערפלעך וואס זענען אויפן וועג צו ירושלים. די פארמער מיט זיין פאמיליע שלעפן זיך ארויף אינאיינעם מיט א כוואליע פון אידן, און זיי אלע טאנצן און זינגען צו די הערליכע קלאנגען פון די מוזיק אינסטרעמענטן.

און דאס איז אינגאנצן נישט געווען קיין פשוט'ע רייזע, די מענטשן האבן צוזאמגענומען זייערע פאמיליעס און זיי האבן געדארפט גיין מיט זיי פאר לאנגע טעג, און אפטמאל גאנצע וואכן, און אין די גאנצע צייט פון זייער רייזע זענען זיי געשלאפן אין די נעכט, אויף די גאסן אינמיטן שטאט.

ווען זיי זענען אנגעקומען צו די עקן פון ירושלים, זענען די איינוואוינער פונעם שטאט ארויסגעקומען זיי צו באגריסן און ארייננבאגלייטן אינעם הייליגן שטאט. אלע ארבעטער'ס און סוחרים וואס האבן אנגעפילט די גאסן און די מארקפלעצער, האבן זיך אויפגעשטעלט פון זייערע פלעצער, ווען זיי האבן געזעהן די מענטשן טראגן די ביכורים אויף די גאסן פון ירושלים גייענדיג צום בית המקדש, צו געבן כבוד פאר די 'מביאי ביכורים'.

## א גרויסע 'דאנק' סעודה

**דאס** אלעס איז נאר געווען די אנהויב און א קליין טייל פון די גרויסע פאמפע און פאראדע מיט וואס די מצוה פון ביכורים איז געטוהן געווארן. 'ושמחת בכל הטוב", "און דו זאלסט זיך פרייען מיט אלע גוטס וואס איך האב דיר געגעבן", די אידישע פאלק זענען אלע געווארן ארייגעשלעפט אין די פרייליכע פייערונג פון די מצוה, עס איז געווען עפעס וואס מען וואלט ערווארטעט בלויז איינמאל אינעם לעבן, אבער פאר די מזל'דיגע פארמער'ס איז דאס געווען א זאך וואס האט זיך איבערגעשפילט יעדעס יאר באזונדער. פארוואס איז דאס געווען? וואס איז די ציהל פון די אלע פייערונגען? פארוואס האבן זיי געדארפט אזוי פארן און אויסגעבן פון זייער צייט און כח, פאר אט די איין מצוה?

די תירוץ איז, אז די גאנצע מצוה האט געהאט איין ציהל, צו זאגן 'איך דאנק דיר גאט'. דאס איז וואונדערליך! א פאלק זאל אפשטעלן אלעס בלויז צו זאגן 'א דאנק'?! יא, אינעם איילעניש פון א פארנומענע לעבן, אין פעלד אדער אין שטאט, פארגעסן מיר אפטמאל צו נעמען די צייט, און נאך וויכטיגער פון דעם, צו נעמען די מענטאלע כוחות, צו איינזעהן און דאנקען אויף די גאר גרויסע גוטס וואס מיר ווערן באגאסן טאג טעגליך.

די מצוה פון ביכורים טוט געבן די מעגליכקייט פארן גאנצן פאלק, צו מאכן א אפשטעל - א לאנגע אפשטעל - צו די גערעגטע פונעם לעבן, און זיך אפגעבן מיטן איינערקענען די חסדי השם. די גאנצע מצוה פון ביכורים, צו דאנקען דעם אייבערשטן פאר די גוטע

שניט, איז געגרינדעט אויף די וויכטיגע פליכט פון שטענדיג דאנקען דעם אייבערשטן פאר די אומענדליכע חסדים און גוטס וואס ער געבט אונז שטענדיג. און דערפאר, די פרייליכע פייערונגען וואס האט ארומגענומען די מצוה פון ביכורים, איז געווען ׳ספעציעל אויסגערעכנט אויף דעם וועג׳, פאר די ציהל פון די מצוה, אז כלל ישראל זאל איינזעהן אז עס איז נישט דא קיין וויכטיגערע זאך אינעם לעבן, נישט דא קיין גרעסערע ציהל און קארעריע, ווי פרייליכע אויסדרוקן פון לויב צום אויבערשטן.

## די ביכורים-טאג פאראדע

**אין** יענע גלאנציגע טעג פון אונזער פאלק, זענען זיי נישט געפארן אריבער לענדער, אינאיינעם מיט זייערע פאמיליעס, צו זעהן גרענד קעניאן אדער די ניעגערא פאלס, ניין, זיי זענען געפארן אריבער דעם לאנד צוליב די אמת׳דיגע ציהל פונעם לעבן, צו לויבן און דאנקען גאט. צו נעמען א טייל אין די מארש, א פאראדע פון טויזענטער וואס זענען געטאנצן אין די גאסן, ׳צו מאכן זייער וועג צו זאגן א דאנק פארן אייבערשטן, איז געווען עפעס וואס טוישט דאס לעבן. מיר קענען זיך נישט פארשטעלן וואס דאס האט געטוהן צו א מענטש וואס האט אנטייל גענומען אין אזא איבערלעבעניש, ׳עס איז אריין אין זייער בלוט׳, אז זיי לעבן בלויז פאר איין ציהל, צו באקומען א אמת׳דיגע קלארע וויסנשאפט איבער די ענדלאזע גוטס פון הקדוש ברוך הוא, און לעבן א לעבן פון דאנקבארקייט צו אים.

און מיר דארפן זיך דאס לערנען פון די מצוה פון ביכורים, און לעבן אויף דעם זעלבן שטייגער. די פליכט צו דאנקען השי״ת פאר די אומענדליכע גוטס וואס ער הויפנט אונז אן טעגליך, איז נישט בלויז איינס פון אסאך פון אונזערע פליכטן אויף דער וועלט, עס איז אייגענטליך ׳די מערסט פארלאנגטע׳ פון אלע אונזערע פליכטן, און די זינד פון נישט זיין דאנקבאר צו השי״ת, איז די זינד פון אלע זינד.

די בעסטע וואלט געווען אויב מיר וואלטן געקענט אפשטעלן אונזער לעבנס שוואונג, און זיך נעמען טאנצן און זינגען מיט אן איבערגענומענער ענטוזיאזום, אזוויווי די ביכורים ברענגערס האבן געטוהן, און ווען א מענטש וועט באמערקן וויפיל אומענדליכע גוטס השי״ת טוט צו אים שטענדיג, דאן וואלט ער שטענדיג געטאנצן אין א אויסטערלישע פרייד.

און דאס איז וואס דוד המלך זאגט אין תהלים: וואס איז גוט אז א מענטש זאל טוהן אויף דער וועלט? פרעגט דוד המלך, וואס איז די בעסטע פון אלע קאריערעס וואס א מענטש זאל אויסוועלן פאר זיין לעבן? און ער ענטפערט: ״טוב להודות לשם״, ״עס איז גוט צו לויבן צו השי״ת״, וואס זאגט אונז דא דוד המלך? אז דאנקען השי״ת איז ׳אויך׳ א גוטע זאך?! אזוויווי אייז-קריעם איז גוט, און וואסער-מעלאנע איז גוט, און זאגן א דאנק צו השי״ת איז ׳אויך׳ גוט?! ניין, מיר דארפן נישט דוד המלך זאל אונז דאס זאגן, מיר ווייסן דאס אליינס, ער זאגט דא אז כאטש עס איז דא אסאך גוטע זאכן אויף דער

וועלט, אבער צו געבן א דאנק פאר השי"ת, דאס איז 'די גוטס' אויף דער וועלט, די בעסטע גוטס פאר א מענטש.

## וואס מיינט שויתי השם?

**מיר** דארפן וויסן, אז מיר זענען דא אויף דער וועלט בלויז צוליב איין זאך - צו ווערן מער און מער נענטער צו השי"ת. דאס איז פארוואס מיר לעבן יעצט! און דאס איז פארוואס לויבן דעם אייבערשטן איז די בעסטע גוטס אויף דער וועלט - ווייל ווען מיר האבן הנאה פון די געשאנקען פון השי"ת, איז דאס די בעסטע וועג צו לעבן א לעבן וואס איז געבינדן מיט די וויסנשאפט פון השי"ת. א מענטש וואס געוואוינט זיך צו צו איינזעהן די גוטס וואס מיר באקומען יעדע סעקונדע פון זיין לעבן, דאן לעבט ער מיט א קלארע וויסנשאפט פון השי"ת, דאס איז די ריכטיגע 'שויתי השם לנגדי תמיד'. דערצייל מיר נישט יעצט קיין מעשיות פון א צדיק וואס האט געהאלטן שטענדיג פאר זיינע אויגן, די אותיות פון אייבערשטענ'ס נאמען, ווייל טראץ וואס דאס איז אויך גאר א חשובע זאך, רעדן מיר אבער דא פון עפעס וואס איז אסאך בעסער פון דעם, איבער האלטן השי"ת אליינס פאר די אויגן! דאס איז אונזער ציהל אויף די וועלט, זיך צו איינגעוואוינען די מערסטע וואס מעגליך, צו לעבן א לעבן פון א קלארע וויסנשאפט פון השי"ת.

ווען מיר וועלן נעמען די צייט צו זיין דאנקבאר אויף אונזערע אויגן, און אויף אונזערע לונגען, און פאר אונזער הויז, און פאר אונזערע ציין, און פאר די פוס, און פאר די פינגערס, און די טויזענטער אנדערע געשאנקען וואס מיר האבן פון השי"ת, דאן האבן מיר אויסגעוועלט די בעסטע קאַרעריע אין אונזער לעבן.

דאס איז די באוואוסטזיניגונג וואס השי"ת פארלאנגט פון אונז, השי"ת רופט אויס צו אונז, "קוק וואס איך געב פאר דיר יעדן איינציגן טאג, איך געב דיר אויגן, טראכט פון מיר, דאנק מיר דערפאר, איז דען נישט אינטערעסאנט צו ארומגיין מיט צוויי קאמארעס אויפן פנים?" די אויגן זענען צוויי וואונדערליכע קאמארעס, אלע סייענטיסטן האבן קלאר מודה געווען אז עס איז נישט דא קיין קאמארע אין די וועלט וואס מען קען צושטעלן צו די אויגן. עס איז אזוי סאפיסיקירט, עס ארבעט אויטאמאטיש, עס קען ציהל'ן אויף נאנטע זאכן און אין איין סעקונדע קען זיך דאס טוישן צו ציהל אויף ווייטע זאכן. עס טוישט די זעה קראפט לויט די ליכטיגקייט פון די פלאץ, ווען עס איז טינקל טוט די אויג ערלויבן מער לעכטיגקייט אריינצוקומען, און ווען עס איז מער לעכטיג, טוט די אויג זיך איינציען אויף א וועג אז עס זאל נישט אריינקומען צופיל לעכטיגקייט. דאס איז וואונדער איבער וואונדער וויאזוי די מעכטיגע אויגן-קאמארע פונקציאנירט.

א קלוגע מענטש, א מענטש וואס וויל שטייגן אין די ציהל פון זיין לעבן, וועט אויסרופן צו השי"ת מיט דאנק און לויב יעדן טאג, וואס מער מען זאגט א דאנק, וואס מער מען בייגט זיך מיט דאנקבארקייט, וואס מער מען שטעלט זיך אפ אפאר סעקונדעס צו טראכטן און לויב, וואס מער מען איז דאנקבאר אויף די אלע איינצעלהייטן פון די אלע

געשאנקען וואס מיר באקומען פון השי"ת, אלס מער ווערט מען נענטער צו גאט, און מען באקומט א קלארערע וויסנשאפט אין השי"ת.

און איך וועל אייך זאגן א סוד! השי"ת מאכט אז דער מענטש זאל דארפן צוקומען צו די אלע מתנות און געשאנקען, א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, 'בלויז פאר דעם איינעם ציהל', אז מיר זאלן דאנקען און לויבן השי"ת, און ווערן מער באוואוסטזיניג איבער אים! פארוואס האבן מיר לונגען? בלויז צו אטעמען, און צו באקומען אקסיגען?! דיינע פוס זענען בלויז צו קענען ארומגיין?! ניין, די לונגען איז געמאכט צו דאנקען, און די פוס איז געמאכט צו דאנקען, און דיינע ציין און דיינע פינגער, און דיין הויז און דיינע קינדער, אלעס וואס דו האסט, איז בלויז צו ברענגען דעם מענטש מער און מער צום באוואוסטזיין פון השי"ת, דורכן אים דאנקן דערפאר!

די גאנצע סיבה פארוואס א מענטש האט הנאה פון א שטיקל ברויט און א טרינק וואסער, די גאנצע סיבה פארוואס א מענטש האט הנאה פון די מעגליכקייט צו נוצן די אויגן און זיך ארומצודרייען אן א רעדער-שטוהל, די סיבה פארוואס מען האט הנאה פון א גוטע וועטער און א קלארע בלויע הימל, און די אלע אנדערע טויזענטער גוטע זאכן וואס מיר האבן הנאה דערפון יעדן איינציגן טאג, דאס איז אלעס בלויז פאר דעם איינעם ציהל - צו האבן די מעגליכקייט צו דערקענען און דאנקבאר זיין פארן באשעפער, און ווערן מער באוואוסטזיניג איבער אים. די אומענדליכע קוואל פון געשאנקען וואס מיר באקומען, זענען באשטומט צו זיין דערמאנונגען פון דער וואס שיקט אט די אלע געשאנקען.

## מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד

**טראכטס** נישט אז מיר ווערן צוגעבינדן צו א לעבן פון פליכטן, פארקערט, מיר זעהען דא א לעבן פון פרייליכקייט, דאס איז א חלק פון די עבודה פונעם מענטש צו לעבן בשמחה. ווייל ווען א מענטש הייבט אן צו פארשטיין אז אונזער פונקציע אינעם לעבן איז, צו אויסדרוקן א דאנק, וועלן מיר זעהן אז עס איז בכלל נישט שווער. וואס מער מען געבט אוועק צייט, צו טראכטן וואס דער אויבערשטער טוט פאר אונז, אלס מער וועלן מיר זעהן ווי גליקליך מיר זענען, און דאן וועלן מיר ווערן פרייליכע מענטשן. אנשטאט בלויז צו טראכטן פון צו זיין א 'שמח בחלקו', וועלן מיר דאס טאקע זיין, מיר וועלן זיך פרייען מיט יעדע פונקציע אין לעבן, מיר וועלן זיך פרייען מיט יעדע גליד פון אונזער קערפער, מיר וועלן זיך פרייען מיט די עסן, נישט קיין חילוק וואס דאס איז, מען וועט זיך פרייען אז מען האט א דאך איבערן קאפ, אז מען האט א ווארעמע הויז אין ווינטער, אז מיר האבן וואסער אין די הויז, מיר האבן קאלטע וואסער און הייסע וואסער ביי זיך אין שטוב, דאס איז א לוקסוס. און דערפאר דארפן מיר אייביג זאגן 'מודים אנחנו לך' צו השי"ת, יעדן איינציגן טאג.

התודה והברכה
להנדיב הנכבד
**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת
# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם
## תורת אביגדור
באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים
להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב
נחת דקדושה עד בלי די

# הדפסה והפצה

**זכות הפצת 1,000 גליונות**

**ר' משה קליין הי"ו**

**זכות הפצת 500 גליונות**

**ר' דוד גפני הי"ו**

**פאר בלויז 100$ קענען מיר דרוקען און מפיץ זיין 1,000 גליונות!**


פארבינדט אייך: 347.755.8860

info@torasavigdor.org

# עצה טובה אייער ברכה זאל ווערן מקויים

## שאלה:

**פארוואס וואונטשן מיר איינער דעם אנדערן, "כתיבה וחתימה טובה", אדער 'גמר טוב', צו טוט דאס טאקע העלפען דעם אנדערן מענטש פאר וועמען מען וואונטשט עס?!**

## תשובה:

**עס** ווענדט זיך מיט וויפיל אמת'דיגע געפיל און כוונה מען זאגט דאס. אויב מען זאגט דאס בלויז 'מצות אנשים מלומדה', אן קיין שום געפיל און טראכטונג, דאן איז עס גענצליך ווערטלאז, ממש אינגאנצן ווערטלאז. אבער אויב מען טראכט ווען מען זאגט עס, און ווען ער שפאצירט אוועק, דאן זאגט מען דאס א צווייטן מאל - יא, ווען ער שפאצירט אוועק זאלסטו דאס זאגן א צווייטע מאל - דאן מיינט דאס עפעס. איר הערט וואס איך זאג אייך? ווען יענער גייט אוועק פון אייך, זאלט איר דאס איבערזאגן נאכאמאל, שטייטלעך, 'כתיבה וחתימה טובה'!, און בעסער איז ווען מען לייגט צו אייגענע ווערטער, "רבונו של עולם, ביטע געב פאר דעם מענטש א יאר פון פרייליכקייט, פרנסה און גוטע שלום בית א.א.וו.", די מענטש הערט נישט וואס דו זאגסט, אבער יעצט מיינסטו דאס אמת'דיג.

**ווען** דו טוסט דאס אויף דעם וועג, דאן הערט הקדוש ברוך הוא צו, צו דיינע ווערטער, השי"ת הערט צו צו די ווערטער פון צדיקים, און ווען דו דאוונסט אזוי פאר א צווייטן איד, דאן ביזטו א צדיק. דער אויבערשטער הערט צו, זיכער הערט ער צו צו די ווערטער פון צדיקים, ווען א צדיק געבט א ברכה מיינט דאס עפעס, זיכער מיינט דאס עפעס, צדיקים קענען העלפן אנדערע דורכן געבן א ברכה.

**שאלות און תשובות**
**מיט**
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

**און** די זעלבע זאך איז מיטן גריסן, "שבת שלום", א גוט שבת, ווען מען זאגט דאס די ערשטע מאל מיינט דאס גארנישט, אבער ווען די מענטש גייט אוועק פון דיר, זאלסטו דאס איבערזאגן א צווייטן מאל, זאג "שבת שלום, האב א לעכטיגן שבת, האב הנאה פונעם טשאלנט, דער אויבערשטער זאל דיר געבן א געשמאקן שלאף", אהה, יעצט רעדסטו! דאס איז עפעס, דאס איז א דערגרייכונג!



מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות
בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"